# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

485 42־טער יארגאנג נאוועמבער, 1981 לאנדאן

אינהאלט — זייט


לידער ..................... א.נ. שטענצל 2

יוסף לעפטוויטש ..................... ד״ר ש. לעווענבערג 7

לאנדאן—פאריז ..................... יוסף לעפטוויטש 8

יוסף אפאטאשאו ..................... אסתר ערלעכמאן 12

א דעמבאווע וויגל ..................... אייזיק גאלדבערג 13

פאר א געפאלענעם העלד (ליד) ..................... דוד בערמאן 18

יידיש טעאטער 1981/82 ..................... הערי אריעל 18

העסל סטריט (ליד) ..................... מאיר צעלניקער 19

היינט (ליד) ..................... אהרן הכהן 20

״האמער און קאוואדלע״ ..................... סעם גאלדבערג 21

די 1981 יידיש זומער פראגראם אין קאלומביע ..................... לאה ראבינסאן 22

לידער ..................... א.נ. שטענצל 24

מעטא סעגאל ע״ה ..................... בערנארד מענדעלאוויטש 27

קאנקורענץ ..................... אלבערטא מאראוויא 28

צום טויט פון משה רעגען ..................... מאיר באגדאנסקי 30

סאם גאלדבערגס מזל־טוב פראדאקשיאן ..................... דוד בערמאן 31

א ליטעראריש מסיבה אין דר. יעקב מייטליס׳ס שטוב ..................... 32



רעדאגירט: א. נ. שטענצל

פרייז: 30 פענס

יידיש־ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער

Published and edited by A. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, and printed in England by Cazenove Printers, 9 Cazenove Road, London, N16 6PA. (01-806 1026)

## אזא לאנד, אזא פאלק

צוויי טויזנט יאר געחלומט,
דער פתרון דאך געקומען —
אזא לאנד, אזא פאלק,
וועט קיינמאל נישט אומקומען.

ווער קאן גלות משיג זיין?
ווער גאולה באגרייפן?
פון לעבעדיקע מענטשן,
געמאכט שטיקלעך זייפן.

און דאך אויפגעשטאנען מ׳איז!
אזוינס פארגעסן ווערן?
אזא פאלק ווילאנג וועלט זיין,
צו זיין ס׳וועט נישט אויפהערן.

פון אזא פארגאסן בלוט,
פון אזעלכענע טרערן —
א הייליקער תנ״ך ווידער
געשריבן עס וועט ווערן.

## ״ונהיה גם אנחנו ככל הגויים״

״אויב וועלט אזא ווי זי איז,
ווילן מיר נישט זיין בעסער —
ווילן מיר אויכעט לעבן,
אויפן שארף פונם מעסער.

״פארלוירענע אײזלען וואס
קאנען זיך נישט געפינען — —
וויינען אין יאמערן רק,
אז אראפ מ׳קאן פון זינען —

״ווי אלע פעלקער ארום,
פרייע ווילן מיר ווערן —
אויפן שפיץ פונם לעבן,
און נישט גיסן רק טרערן״.

יעטווידער מינדסטער אטאם
פול איז שוין מיט צעשטערן
אויב דאס איז מיין מעשה־ידי
תוהו ובוהו זאל ווערן״ —
— — — — —

״צוויי טויזנט יאר אין גלות —
איר ווייסט וואס גוים זיינען!
דאך ווי זיי ווילט איר אויך זיין״.
— — — — —
און גאט טוט זיך צעווײנען:

״אויב דו קיין בעסערע וועלט
נישט געקענט האסט מאכן ?!!״
טוט זיך דער שטן מיט זיין
חברה הילכיג צעלאכן —
— — — — —

״נביאים ברויכט איר? טרעפער:
מ׳זאל אייך פון די הענט לעזן!
צוויי טויזנט יאר גלות און
געבליבן וואס געוועזן:

און אין טויער פון רוים זיצט,
משיח אין זיינע וווּנדן
און ער האלט זיי אין איין
אויפבינדן אין צובינדן.



* * *

צוויי טויזנט יאר בלוטיקן
גלות לאנגען געגאנגען,
ככל הגוים דערלאנגען?

שארפע שווערדן איצט שמידן,
ביקסן, באמבעס איצט האלטן,
קעפ לעכערן און שפאלטן?

נישט בעסער ס׳וואלט געוועזן
מ׳וואלט׳ן אונטערגעגאנגען?

אויף דעם א צוויי טויזנט יאר
גלות לאנג אויסגעהאלטן?

״ונהיה ככל הגוים״,
נאך א פאלק עס זאל זיין,
באוואפנט מיט געווערן —

אויף דעם אויסגעהאלטן דעם,
גלות, ביטערסטן שווערן?

## יהושע בן-נון

דאס גאנצע פאלק ליגט געמלהם,
און דא ווער מיט אויסגעשטרעקטער שווערד ;
א חייל־פירער, מסתמא —
אצינד מיטן גאנצן פאלק וואס ווערט ?

נאר א מינוט, זיי קומען אן — —
״הלנו ?״ אויסגעשריגן ער האט.
״ניין, קיינעמס נישט, איך בין קיינעמס !
א שליח, געשיקטער פון גאט.

״ניין, קיינעמס נישט איך בין, קיינעמס,
צו אלעמען, צו אלע כ׳געהער !
אין בלוטיק פעלד די גאנצע וועלט,
אויב דער כוח פונם מענטש דאס געווער.

״טו אויס די שיך, שבעה זעץ דיך,
אויב דאס־א אזוי אייביק מוז זיין !
די ערד פארן מענטש הייליק מוז זיין —
קודש ! ״ויעש יהושע כן״.

# אליהו הנביא

## א

וי קומט עס וואס אליהו,
ווען ער באוויזט זיך אויף דער וועלט,
איז ער אין א פויער פארשטעלט ?

א מענטש, וואס אויסהרגענען קען
פיר הונדערט און פופציק אויף איין שטיין —
ווי גערעכט צומאל ר׳זאל נישט זיין !

און אים שופר־של־משיח,
דווקא אים אנפארטרויט האט גאט — —
א וואונדער, אז געדויערט ס׳האט ?

אזויפיל געקוילעט דור נאך דור !
זעקס מיליאן אונזער דור אליין ! !
ווי דאס משיג צו זיין, ווי פארשטיין ?
— — — — — —

״הערט, אין א פויער כ׳בין פארשטעלט —
וועט איר באארבעטען די ערד,
אייביק דעמלט אייך זי געהערט.

״אויב אבער פארלאזן זי ר׳וועט,
פארלאזן ווידער ווערן ס׳לאנד״ — —
ווי ס׳ציטערט שופר אין זיין האנט.

ערשט ס׳טרייסלען פון זיינע ליפן :
״די ערד צו יענע זי געהערט,
מיט וועמעס שווייס באוואסערט זי ווערט !״

און פארשוואונדן ר׳איז אין מדבר ?
אין הימל ? וואו ער איז ווערט ווייסט ?
ס׳געוויין ווען ווערט וועלט אויסגעלייזט — —
— — — — — —

מ׳זעט אים נישט מער, אליהון,
ר׳באַיזט זיך נישט מער אויף דער ערד,
א, גאט האט זיין תפילה דערהערט.



## ב

אויסגעלייזט איצט זי גייט ווערן,
די גאנצע וועלט מיט אונז באפרייט,
אדער, חלילה, זי אונטערגייט.

״קח נפשי . . . לא טוב אנכי !״
מורא אויסריידן כ׳האב דאס ווארט :
נישט צווישן מענטשן ס׳איז מיין ארט —

״האב איך נישט מיין נביא־מאנטל
אלישען צוגעטיילט פאר דעם,
ווייל א פויער ער איז געווען ?

״און ווער פארשוויגענער קאן זיין — —
כ׳הער: ׳נביאיש טאפל מיינע ריידע.
כ׳שטוין און ווארף אים דאך צו מיין קלייד !״
— — — — — — —

אינם הימל איז ער געפלויגן ?
טיף אינם מדבר זיך פארשטעקט,
ס׳שלעכטס פון מענטש זיך אים אנטפלעקט ?

איז עס די תקיעה־גדולה
געוואלטיק אזוי איצט מען הערט ?
צי אטאם אויפגעריסן ווערט ?

אויב אזוינס דווקא דער מענטש איז ?
וויל איך צוריק אין מדבר גיין.
אין וויסטעניש א חיה זיין.
— — — — — —

אפשר א ווילדע חיה גאר
אים אויפגעפרעסן דארטן האט ?
ער באוויזט נישט מער, א גאט —

מ׳זעט אים נישט מער, אליהון !
ר׳באוויזט זיך נישט מער אויף דער ערד,
א, גאט, האט זיין תפילה דערהערט.

• • •

״טוב המות מן החיים״ —
אז געפינען שוין וועם געמיינט !
און מיט די חיות זיך צעוויינטן ?

## דער מרש״ל

מי לנו גדול פונם מהרש״ל,
איבער א ווארט זיינס אין א תוספות,
האבן זיך בחורים אין ישיבות,
אין בית־מדרש איבער א גמרא,
די קעפ ביזגל הימל זיך געהויבן.

של־מעלהדיק אלץ העכער און העכער
פארמוחטער אלץ טיפער און
פארטיפטער,
אין מצוה־טענץ הימלישע געגאנגען—
ביזגל אינם גן־עדן התחתון,
און אינם הימל אין זיבעטן.

און ווען ער, דער מרש״ל, געקומען
אין בית־מדרש אריין צום שיעור,
האט ער קיין מה־טובו נישט
געשעפטשעט —
״וואס מיט דעם רשע מרושעס
ווערטער,
מיך פאר גאט טון בוקן און בויגן?

ואני ברוב חסדך אבוא״ — —
האט זיין פנים געטלעך אויפגעלויכטן
ווען אין בית־מדרש אריינגעקומען;
יעטווידעס ווארט פון א תוספותל
גענומען לייכטן מיט זיבן זונען.

ממש מצוה־טענץ גענומען טאנצן,
ס׳האבן די בחורים ארום שולחן,
א פילפול ער האט גענומען זאגן —
מיט א פינגער געדריי אן אויג־
געפינטל,
אינם זיבטן הימל געפלויגן.

## ״מי שאמר לשמן שידליק יאמר לחומץ שידליק״

״ווער געזאגט עס האט אז אייל
זאל לייכטן,
דער וועט זאגן אז עסיק זאל
ברענען — —
פינסטער ס׳וועט זיי ווערן פאר
די אויגן,
אז נישט מער קוקן זיי וועלן קענען.

אויב די נאפט־קוואלן זיינען זייער כוח
די גאנצע וועלט אין זיי צו דערטרינקן
וועט מיט טיף־זוהרדיקער ליכטיקייט,
א מענטש מיט א מענטש זיך
איבערווינקן.

דאס גאנצע שלעכטס איבער דער
גארער וועלט,
ווי קיימאל נישט געוועזן—אייפהערן!
א טיפע פרייד פינקלדיק אויפשיינען
אין די מענטשלעכע אויגן די טרערן.

און אלע מיני מתים־כלי זיין
אנגעצויגן אין הערצער צו צילן,
צאצקעס שפילרייען וועלן ווערן,
פאר די חדר־יינגלעך זיך צו שפילן.



## א גראַטעוועטער דערציילט

אויב דער מין מענטש צו
אזוינס פעאיק,
מען איז שטאלץ א בן־אדם צו זיין —
איידער גראַטעוועט צו ווערן,
הייליקער אין גאז־קאמער צו גיין:

״אויפן שוועל פון דער קרעמאריע,
קדושה־פארציטערט געבליבן שטיין,
געמאכט די ברכה: ״על קידוש השם!״
און מיט גליאיקן בליק ר׳איז אריין.

״דער נאנטסטער צו אים איך
בין געווען,
און אים שטילינק נאכגעזאגט אמן —
אז ווער אזעלכעס משיג זיין קען
וועלכער בן־אדם אזוינס פארשטיין?״

א גראַטעוועטער עס דערציילט,
און געציטערט פון קדושה געוויין.

### יוסף לעפטוויטשן [צום ווערן 90 יאר — עד מאה ועשרים!]

ווער וויסט אויב פון אונז יידן,
א זכר געווען געבליבן?
א פאלק געיאגט און געטריבן,
נישט מיט שלעפן נאך זיך עס זאל
ווערטער, עפעס דארט געשריבן?

אבער וואו אנגעקומען,
ספרים געהאט צו באווייזן,
אין שבעים לשון אן גרייזן,
האט מען אויסגעהאלטן ביז —
משיח געקומען אויסלייזן.

גייען מיר אצינד אהיים
פון די ווייטסטע וועלטן־עקן,
אונזער בלוט א פולער בעקן —
א ברידער־ליבשאפט אויפגאנג,
ציל פון אלע קדושים־צוועקן.

ניין, נישט מיט לידיקע הענט,
אין שווערן גלות געטריבן —
און ערשט דארט וויפיל געשריבן!
און ווער וויסט אויב נישט דאס, צו
זיך צוריק צונויפגעקליבן?

ד״ר ש. לעווענבערג —

### יוסף לעפטוויטש [א יידישע פערזענלעכקייט אין ״קאלטן לאנדאן״]

יוסף לעפטוויטש דערנענטערט זיך צו זיין 90־־יאריקן געבוירן־טאג; ער איז א זעלטענע דערשיינונג אין דעם ענגליש־יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן.

פאראן יידיש־שרייבער און ענגליש־שרייבער; ער איז א קאמבינאציע פון צוויי קולטור־טראדיציעס. איך האב אים אמאל באצייכנט אלס ״אמבאסאדאר פון יידיש״ צו דער דרויסנדיקער וועלט; זיינע אנטאלאגיעס האבן געהאלפן אסימילירטע יידישע עלעמענטן זיך צו באקענען מיט דער רייכקייט פון ״מאמע־

"לשון" און זיין שאפונגס־כוח. ער איז א בארימטער איבערזעצער פון יידיש אויף ענגליש, אבער ער איז אויך אן ענגלישער שרייבער וועגן יידישע ענינים.

יוסף לעפטריטשעס פארנעם איז א ברייטער; ער איז א פראזאאיקער און א פאעט. ער איז אויך א היסטאריקער; א גוטער ביישפיל איז זיין ביאגראפיע וועגן ישראל זאנגוויל.

לעפטוויטש האט אויך א רייכע זשורנאליסטישע פארגאנגענהייט. א מיטארבעטער פון פארשידענע צייטונגען, איז ער געווען איינער פון די בויער פון דער "יידישער טעלעגראפן־אגענטור".

ער איז אויך א פראקטישער מענטש; דאס האט ער באוויזן מיט זיין לאנגיאריקער טעטיקייט לטובת יידישע פליטים. זיינע נאך־מלחמהדיקע באשרייבונגען וועגן פוילן זענען רירנדיקע דאקומענטן.

וויכטיק איז לעפטוויטש אלס מענטש. ער איז א פארקערפערונג פון יידישקייט און גייסטיקייט. ער איז א פערזענלעכקייט מיט אן ענציקלאפעדישן וויסן וועגן יידישער און וועלט־ליטעראטור.

אויפגעוואקסן אין ווייטשעפל, איז ער געבליבן טריי דער מזרח־אייראפעישער יידישער טראדיציע. פארווארצלט אין לאנדאן, איז ער א מומחה וועגן יעדער יידישער קולטור־דערשיינונג — אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער גרויסער יידישער וועלט. ער איז הן יידיש הן אוניווערסאל.

לעפטוויטש האט געהאט די זעלטענע געלעגנהייט צו האבן נאנטע באציאונגען מיט די גרעסטע פירער און שעפערישע פערזענלעכקייטן פון זיין דור. אין "קאלטן לאנדאן" איז לעפטוויטש שטענדיק געווען דער מקור פון ווארעמקייט, פון פריינטשאפט פאר אסך יידישע פארשער און טוער, וועלכע דער גורל האט פארווארפן קיין ענגלאנד.

אין ענגליש־יידישן קולטור־לעבן איז לעפטוויטש דער "זקן בחבורה" — באליבט און געשעצט אלס אויסדרוק פון יידישער שעפערישקייט.

עד מאה ועשרים!

## יוסף לעפטוויטש: לאנדאן — פאריז

מיר געדענקט זיך א צייט, ווען צווישן אונזער לאנדאן און פאריז איז געלעגן "לא מאנש" — דער "טשאנעל" ווי מ׳רופט אים אויף ענגליש; און פארן איז געווען ביליק, און מ׳פלעגט פארן אהין און צוריק איבער נאכט. אזוי, אז א יידישער אקטיאר האט געקענט אונטערשרייבן א קאנטראקט צושרייבן, ער אדער זיין גאנצע טרופע צו שפילן אין ביידע גרויס־שטעט, פאריז—לאנדאן.

די זעלבע מענטשן זענען געזעסן ארום די טישן אין די זעלבע קליינע רעסטאראנען אין ווייטשעפל ביי א שאך אדער דיסקוטירן וועלט־פאליטיק אויף יידיש. געווען א באקאנטער וועג, היימיש, באליבט. איינס איז געווען א מין סובערביא פון צווייטן.



אויך דאס געפיל קעגן די אויסלענדער, די אימיגראנטן — אפן גערעדט, די יידן — איז געווען דאס זעלבע ביי די ברעגעס פון דער טעמזע אין לאנדאן ווי ביים פאריזער סען. ערשט געווען אפאר וויניקער יארן נאך דער קאכעניש ארום דעם דרייפוס־פראצעס.

מ׳האט א צייט־לאנג איינגעפירט א מין "וויק־ענד" — לאנדאן־פאריז — וואס דער "וועלט־קאנגרעס" האט ארגאניזירט — יידישע דיאלאגן. און שרייבערס און לייענערס אין לאנדאן און פאריז האבן זיך געטראפן און דיסקוטירט פארשידענע פראגעס ארום אזא טעמע ווי אונזער קולטור־צוקונפט. מ׳האט זיך באקענט, געווארן נאענט — אונזער קיום.

די "וויק־ענדס" האבן זיך געצויגן לענגער און אפטער, געווארן א לאנגע געשיכטע, און ס׳איז געווען וואס צו דערציילן. מיר דא אין ענגלאנד האבן אויסגעמיטן אן אינערלעכע מלחמה, איבריקן קריג ווי די פראנצויזן האבן דאס ניט געקענט אויסמיידן. מיר האבן אויף זיך געטראגן אסך צודעקן, אבער די צודעק פון א ווישי־רעגירונג מיט א קלארן אנטיסעמיטישן פנים האבן מיר ניט געטראגן אויף זיך. דאס לאנד פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע האט זיך באפרייט פון די קייטן פון ווישי, דראנסי האט געעפנט די טויערן. די נאצישע טויט־לאגערן זענען פארוואנדלט געווארן אין א מוזעאום. דאס לאנד איז געווארן פול מיט קאצעטניקעס און אויפן שפיץ פון אט דער נייער באפרייאונג האט די פראנצויזישע באפרייאונג געשטעלט ווי א פרייהייטס־סאמבאליזם דעם גרויסן מאנומענט פארן אומשולדיק־פארמשפטן געליטענעם ייד.

פאריז איז געווארן א צענטער. יידישע שרייבערס, פאעטן, דאקומענטן־זאמלער ווי די פאפירן פון די רינגלבלום־ארכיוון און די באארבעטער פון באארבעטער פון די באשרייבונגען, ווי שווארצקאפ, איסטאקעס, האבן זיך אריינגעווארפן אין זייער ארבעט. ס׳האט געקאכט אונטער די פיס.

מיר האבן זיך געקענט פון פריער. דורך זייערע ווערק, דורך בריוו. איצט האבן מיר זיך באקענט פערזענלעך, און מיר האבן געפייערט יובילעאומס און פייערלעכע טרעפונגען. און אויך זענען פון די איצט־באפרייטע אוועק זייער געהעריקע צאל אין דער אייביקייט אריין, און מיר האבן זיך אוועקגעזעצט פייערן די אומגעקומענע. אזוי זיצן מיר איצט מיט אונזערע פאריזער קאלעגעס מיר זיצן אויך שבעה נאך אונזערע ביידנס אומגעקומענע — לייענען מיר איצט מיט טרויער אונזערע פארלוסטן, אונזערע פאריזער מיטבאטייליקטע. זיי זענען פון אונז אוועק, לאנדאנער ווי פאריזער — ביי דעם זעלבן, ווי שלעווין און ווייץ און משה שולשטיין — אונזערע אזוי ווי די שוין לאנג־איינגעזעסענע אייגענע מענטשן. לאנג זאל מען טראגן מיט זיך זייערע נעמען — שולשטיין, ש. שלעווין, ווייץ. לעבן זאלן בלייבן זייערע ווערק!

געווען אמאל יארן, ווען צווישן אונז יידיש־לאנדאן און יידיש־פאריז, איז געפלאסן "לא מאנש" אדער ווי מ׳זאגט אין ענגלאנד "דער טשאנעל". אבער א לאנגע צייט איז דאס ניט געווען קיין אפהאלט, א קאצן־שפרונג, און לאנדאן און פאריז זענען געווען ווי איין שטאט. געווארן א מין טראדיציע ביים יידישן טעא־

טער, אז אן אקטיאר אדער א טרופע האט פארהאנדלט צו שפילן א סעזאן, האט מען אין איין וועגס פארהאנדלט פאר ביידע שטעט צו שפילן אין ביידע ערטער. ס׳איז געווען אזוי היימיש דער וועג און דער וועג צוריק.

אזוי לויפן די יארן. ערשט דרייסיק יאר מיט עפעס פלעגן מיר לאנדאנער פארן אויף ״וויק־ענדס״ קיין פאריז, געהאלטן דיסקורסן, רעפעראטן, און פון פאריז זענען געקומען קיין לאנדאן יידישע שרייבערס, יידישע נאוועליסטן, יידישע פאעטן, געבראכט אונז אביסל קאכעדיק יידיש לעבן וואו דארט, אין פאריז, איז געווען א שטראם פון יידיש לעבן מער ווי ביי אונז. פראנקרייך איז געווען א געפאנגען לעבן, געווען אין געפאנגעשאפט ביי היטלערן, זיין ווישי־רעגירונג, זיין דראנסי, זיינע מענטשן.

זענען אין פאריז געקומען באפרייטע סאלדאטן אין מיליטערישע מונדירן, און באפרייטע צופוס פון די לאגערן. מ׳האט אין פאריז אויפגעבויט דעם גרויסן מאנומענט פארן אומבאקאנטן יידישן קאמבאטאנט. דער ״וועלט־קאנגרעס״ האט איינגעארדנט פארונגען קיין פאריז און צוריק. איך האב סוצקעווערן און גראדען פון פאר דער היטלער־מלחמה, אבער נאר שריפטלעך דורך בריוו. אין פאריז האבן מיר זיך באקענט פערזענלעך. מיט זיי. און מיט אנדערע. געקומען פון אמעריקע אזעלכע ווי לייוויק, ארומגעפארן אין די לאגערן צו זעען וואס איז געבליבן נאכן חורבן. די גאסן ארום בעלוויל געפלאסן מיט יידיש־גערעדעכטס און מיט יידיש־געזאנג.

איך בין געווען איינער פון ״די וויק־ענדערס״, און די ״וויק־ענדס״ האבן זיך געענדיקט. דער אדער דער אנדערער איז אוועק קיין ישראל, קיין אמעריקע קיין דרום־אמעריקע. עטלעכע זענען געבליבן, געווארן תושבים; און מענטשן זענען געשטארבן. מיר אלע, וואס האבן זיך געעלטערט, זענען געווען אין די גוטע פערציקער יארן, זענען געווארן זיבעציקער, זקנים.

איך דערמאן זיך וויפל ביכער זכרונות זענען ארויס אין פאריז, וואס מענטשן האבן איבערגעלעבט אין דער אקופאציע. און ס׳ליגן נאך זכרונות־ביכער, וואס ווארטן היינט אויס אויף א פארלאג.

ס׳פארשטייט זיך, אז אויך יידישע צייטונגען זענען ארויס אין פאריז און נאך היינט אויך. געווען אפילו רייד וועגן א לאנדאן־פאריז צייטונג. ס׳איז דערפון ניט געווארן. אייגנטלעך איז די זאך ניט ניי. איך געדענק ווען יאצקאן איז געקומען פון ווארשע און ס׳איז ארויס א צייט א יידישע טאג־צייטונג, ״פאריזער היינט״, האט זיך דער נייער פרואוו ניט איינגעגעבן.

און היינט שטארבן אויס אונזערע אלטע, אונזערע זקנים — כסדר. זיצט דאס יידישע פאריז איצט אין טרויער. נאך די זיילן פון דער יידישער ליטעראטור, וואס זענען איינס נאכן אנדערן אוועק פון אונז — אונזערע אייגענע מענטשן, וועלכע, ווי שלעווין און ווייץ און משה שולשטיין. מ׳רוקט זיך שטילערהייט אוועק. ניט נאר פאריז־לאנדאן, איבעראל דאס זעלבע. אט היינט ערשט האב איך דערהאלטן א בריוו פון ניו־יארק פון אפטערן, וואס איז לאנגע יארן געווען דער סעקרעטאר פון יידישן פען־קלוב.



איך דערמאן זיך די יארן באלד נאך דער באפרייאונג — שוין 33 יאר צוריק! — ווען שרייבערס, געראטעוועטע נאכן חורבן, זענען אנגעקומען אין פאריז און ס׳האט זיך געקאכט מיט יידיש־לעבן און מיט יידישער קולטור. ס׳זענען געקומען אזעלכע כוחות ווי חיים גראדע, אברהם סוצקעווער, מענדל מאן און נאך און נאך. מ׳האט געשריבן און מ׳האט געמאלט און מ׳האט אויסגעשטעלט. ס׳האט געהאלטן פארזאמלונגען און זיצונגען, ס׳האט זיך געקאכט. מיר לאנדאנער זענען איינגעלאדן געווארן צו קומען קיין פאריז צו באטייליקן זיך אין די אזוי־גערופענע ״דיאלאגן״, — לאנדאן־פאריז.

פארביי אפאר יאר און מ׳האט זיך צעפארן — קיין ישראל, קיין דרום־אמעריקע, אין די פאריייניקטע שטאטן, קיין קאנאדע, קיין דרום־אפריקע. די יידישע צייטונגען, וואס זענען דערשינען אין פאריז, האבן אנגעהויבן האבן שוועריקייטן. דער און יענער איז געשטארבן. קומענדיק קיין פאריז, האט מען געפונען ליידיקע ערטער. דער און יענער איז שוין ניט געווען. נאר עטלעכע, וואס האבן זיך מער אדער ווייניקער אקלימאטיזירט, בפרט אזעלכע, וואס זענען געווען שוין איינגעזעסענע אין פאריז פון פאר, דער היטלער־מלחמה, זענען נאך געבליבן. אזעלכע ווי ווייץ און שלעווין זענען געזעסן אויפן ארט. געווען די זיילן פון דער יידישער ליטעראטור אין פראנקרייך. און איצט זענען זיי אוועק און זיי פעלן און קיין נייע קומען ניט צו וואס זאלן פארנעמען זייער ארט..

דערפאר טרויערן מיר, דערפאר פעלן זיי אונז, און מיר זאגן נאך זיי קדיש.

---

מזל־טוב צו דער בר־מצוה פון הבחור

**נ ת ן  ק א ל ע ר**

דעם זיידן שלמה דזשיקאווסקי

און טאטע מאמען פון בר־מצוה —

**וויקטאר און פריידל קאליר**

---

צום שטארבן פון די שרייבער **ד. ספרד** און **משה שולשטיין**

אונזער טיפן טרויער

---

אונזער טיפסטן מיטגעפיל דעם אקטיאר **דוד סעגאל** צוליב דעם טויט פון זיין ליבע פרוי, די אקטריסע **מעטא סעגאל.**

---

דער שרייבער **י.א. ליסקי** האט דורכגעמאכט אן אפעראציע. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

## אסתר ערלעכמאן : **יוסף אפאטאשאו**

יידן לעגענדע. איז עס אמת זיידע ? אז אמאל זיינען באי אונז אין שטאט געוועזן אסאך יידן ? זיי האבן געטראגן לאנגע כאלאטן און לאנגע בערד ? יידן אין פוילן זיינען שוין הייטעס געווארן א לעגענדע, א מעשה, וואס זיידעס דערציילן פאר זייערע אייניקלעך. די טויזנטיעריגע לעגענדע פון פוילן איז פארוואנדלט געווארן אין א טראגישערווירקלעכקייט אין דער דערציילונג.

דעם וועלט באנעם וואס אפאטאשו רעאליזירט קינסטעריש אין זיינע עסייען און היסטארישע ראמאנען און קורצע דערציילונגען.

דער מחבר פון רבי עקיבא פארזעט ניט חלילה מדינת ישראל, ווי קען ער עס ? ער וואס איז ניט מותר אויף קיין שום אויפטו פון יידישן פאלק אין זיין גאנצן היסטארישן גאנג ? דער אויפקום פון מלוכהשאפט איז קודם כל פאר אים א באוויז פון באנייטער ענערגיע.

נאך דער קאטאסטראפע, א נייער אויפשוונג פון לעבנס ווילן נאכן מאבול! מדינת ישראל איז דער סימן פון ניט אפגעשוואכטן אייביקן דראנג צום לעבן פון יידישן פאלק, אפאטאשאו גייט פאר אלעמען און דאס וואס קומט פון יידישן אינעווייניק, און ניט פון שכנישן אויסווייניק, און מיאוסקייטן קומען ניט פון יידישן אינעווייניק, פון אים קומט דאך בלויז די אידעע פון א פאלק, מחוץ א מדינה, די אידעע פון לעבן להכעיס אלע אומשטענדן אפילו אן א מדינה, אפילו צו זייט און צו שפרייט. די אידעע פון א עקזיסטענץ אין א ירושלים של מעלה.

דער נס פון ישראל איז קיום, ניט אונטערגאנג איז דער נס פון יידישקייט וואס דאס גאנצע פאלק טראגט אין זיך. יידן ווי א וועלט פאלק און ווי א אייביק פאלק, אין דער אמתן איז דער פראבלעם פון פאלק ביי אפאטאשו מער ווי א קאנסעפציע עס איז זיין נאציאנאלער קרעדא!

עס איז גלויבן אין די אייביקע, גייסטיקע, כוחות פון יידישן פאלק, וואס אמאל נעמען זיי אן די צורה פון מדינה, אמאל פון רעליגיע, אמאל פון געשאפענע פאנצער מכשירים אין געשטאלט פון שפראך און ליטעראטור, וואס אמאל זיינען די אפהיטער פון די כוחות די נביאים, און אמאל די פרושים אמאל חסידות, אמאל די יידישע ליטעראטור, וואס פון די מוסר ספרים, און צאינה וראינה, איבער ר׳ נחמנס מעשיות ביז צו דער היינטיקער ליטעראטור האט זי ניט עפעס אנדערש געטאן ווי פארפאנצערט יידן קעגן אונטערגאנג. עס איז א שטענדיקער דראנג צו לעבן, און יעדער דור שאפט אין זיך און פון זיך די כוחות און די פאסיקע מיטלען פארן לעבן פון דער תקופה. עס הייסט, אוודאי האט דאס לעבן א סך אפגעלייקנט פון אונזער כוחות. עס האט אבער אויך א סאך באשטעטיגט, די אפלייקענונג איז חל בלויז אויף תקופות און טיילן פון פאלק, די באשטעטיקונג איז חל אויף אייביגקייט און אויפן פאלק אלס גאנצעס.

אפאטאשו האט אין זיין גאנצן ליטערארישן ווערק קאנסטרואירט די קינסטלערישע געביידע פון דער געשיכטע, זי האט מער ווארשיינלעכקייט ווי די היסטאריקער וויסנשאפטלער!



### אייזיק גאלדבערג —

## א דעמבאווע וויגל [פון מיינע זכרונות]

מאדנע ווי די אומשטענדן פון לעבן ענדערן זיך פון דור צו דור, אזוי, אז ווען עס קומט אויס צו רעדן פון אמאליקעצייטן — למשל, פון ענינים אין שייכות מיטן אכצענטן אדער ניינצענטן יארהונדערט — מיט היינטצייטיקע יונגעלייט, מוז מען ממש זיי געבן לענגערע אויפקלערונגען און די דאזיקע צעלייגן אויף טעלערס און טעלערלעך...

אין אונזערע צייטן, ביים סוף פון פאריקן יארהונדערט אדער אנהויב פון איצטיקן יארהונדערט, פלעגט א קינדער־וויגל אויך זיין א בעטל, אבער היינט־צו־טאג האבן מיר כלערליי קינדער־וועגעלעך, בעטלעך און אויך סתם וויגעלעך און דעסטגלייכן.

ביי מיר אין זכרון אבער לעבט נאך א ספעציעלע דעמבאווע־האלצערנע וויג, און דאס איז נישט קיין מעשה, אויסגעטראכט פון דער פאנטאזיע, נאר פשוט א פאקט, מיט מענטשן וואס האבן טאקע אויך אליין געלעבט ; אלזא א מעשה שהיה כך היה !

אינם רוסיש־פוילישן שטעטל "פרזשעדבארזש", וואס איז געווען פארבונדן מיטן שכנותדיקן שטעטל "ווידראמע" דורך א האלצערנער בריק, וואס האט זיך כסדר געשאקלט ווי א פערד־און וואגן, אז מען האט קוים געקענט זיך פילן גאנץ זיכער ביים אריבערקווערן פון איין מקום אין אנדערן אריין. דארטן, אין יענע מקומות, איז געווען א יידישע באפעלקערונג, וואס האט אויסגעמאכט לערך אכציק פראצענט פון דער אלגעמיינער. די אטמאספערע שבת און יום־טוב אין די דאזיקע ביידע שטעטלעך איז געווען קודש, א באמת יידישע.

אין פרזשעדבארזש בשכנות האבן געוואוינט צוויי פארפעלקער, יונגע מענטשן, נאנט פארוואנדטע, פארשוואגערט אין דער משפחה. איינער פון די צוויי יונגעלייט, ר׳ צבי סיני, האט זיך פארנומען מיט מסחר, היות ער איז געווען קלוג און פראקטיש, אפילו געהאט אן אייגן שטיקל נחלה און בכלל א וואוילער מענטש. דערצו האט ער געשמט אלס בעל־כוח, מחמת ר׳האט ליב געהאט גוט צו עסן און געהאט א נטיה צו א טרונק בראנפן. דאס אלץ אבער איז פאר אים נישט געווען קיין איבריק גרויסע מעלה.דעם צאר ניקאלייס יוצר־משרתים האבן פשוט געווארפן אן אויג אויף אים און אים גענומען צום מיליטער־דינסט אויף יארן לויטן דעמאלטיקן געזעץ, נישט געקוקט וואס ער איז שוין געווען א טאטע פון א טעכטערל.

למען האמת האט ער זער יונג חתונה געהאט, ווי דער שטייגער ביי יידן איז דעמאלט געווען. אבער א ייד א חכם, ווי ר׳צבי סיני, מוז זיך דאך אן עצה געבן... פלעגט ער זיך אליין קראנק מאכן און אנשטאט צו דינען פינף און צוואנציק יאר ביי פאניען, איז ער אזוי ארום אפגעקומען מיט בלויז צוועלף און אפילו געזעען צו באקומען צוויי חדשים אורלויב יעדעס צווייטע יאר — א גליק ממש

פאר זיין ווייבל נחה־פעסל, וואס נאך יעדן אורלויב איז זי פארגאנגען אין טראגן...

אקייגנאיבער זיי האט געוואוינט זיין שוואגער, ר׳ פישעלע; א ייד אינגאנצן דער היפוך פון ר׳ צבי. געווען איז ר׳ פישעלע שוואך פון דער נאטור און דורך דעם א שטיקל פחדן, אבער זייקשם איז געווען אלס א גרויסער בן־תורה און א ירא־שמים, א יוצא־ונכנס ביים רבין פון שטעטל, ווען ער פלעגט ארויסהעלפן מיט פראווען טיש און לערנען מיט די ישיבה־בחורים. מחמת זיין חולשות האט ער נישט פיל געהאלטן פון עולם־הזה, נאר שטענדיק געווען אריינגעטון אין א בלאט־גממרא, א פרק משניות צי סתם עפעס א מוסר־ספר. ביי אים איז גוט עסן נישט געווען קיין עיקר, נאר סיגופים דווקא יא. זיין ווייבל חוה איז אבער אן אשת־חיל, א בריהצום קאכן און באקן. די מאכלים וואס זי האט געקאכט האבן געהאט טויזנט טעם און פארשמעקט די אורחים, וואס זיי פלעגן נעמען אמאל א שבת.

ר׳ פישעלע אבער האט ווייניק וואס געוואלט א הנאה האבן פון אירע גוטע זאכן, שטעלנדיק אלץ אויף עולם־הבא. האט מען אים טאקע געהאלטן, מיט זיין לערנען תורה, פאר א שטיקל בטלן. תמיד פלעגט ער זיך פארטיידיקן מיטן פשטלעך פון פארשידענע ספרים.

האט חוה אים דערלאנגט ברויט, פלעגט ער צופיל איינטינקען עס אין זאלץ; האט זי אים אפגעקאכט א פיינע הינער־יויך, פלעגט ער צוגיסן וואסער צו דער יויך און אריינטון אסך זאלץ, כדי נישט צופיל הנאה צו האבן פון עולם־הזה. אזוי אויך מיט א פאלקעלע הינערנס, מיט טיי אן צוקער, ציקאריע־קאווע אויך אן צוקער און אן מילך. אפילו שבת נאכן דאווענען, אז עס איז געקומען צום טשאלנט, פלעגט ער קוים עפעס דערפונאנרירן. אבער פון פריה־ורביה, זעט איר, האט ער דווקא יא פיל געהאלטן...

הכלל, ווי דער שטייגער איז, חוה זיין ווייבל פארגייט זיך אין טראגן. און גראד דא הויבט זיך אן די אמתע מעשה. געווען איז עס בעת ר׳ צבי סיני איז געווען אין דער היים אויף אורלויב פונם מיליטער און נחה־פעסל ווערט מעוברת אן ערך זעקס וואכן נאך חוהן. א געדאנק פאלט איין ר׳ צבי צו כאפן א שמועס מיטן שוואגער זיינעם ר׳ פישעלעבנוגע זייערע שוואנגערנדיקע ווייבלעך, אז אויב דער רבונו־של־עולם וועט געבן איינע זאל האבן א בן־זכר און די אנדערע—א מיידעלע וועט עס זיין א סימן אז דאס איז א זיווג מן־השמים. דעריבער לויט זיין מיינונג וואלט עס געווען א גלייכע זאך שוין זיך צו געבן א תקיעת־כף צום צוקונפדיקן שידוך.

ר׳ פישעלע האט זיך נישט פיל געאמפערט און מסכים געווען, זאגנדיק:

— אויב דו מיינסט באמת, אז עס וועט עולה ויפה זיין, טאקע א ריכטיקער זיווג, זאל עס זיין ווי הקדוש־ברוך־הוא וועט געבן מיט מזל צום געזונט און לעבן!



מען האט זיך געדריקט די הענט אויף תקיעת־כף, א צייכן אז ביי זייביידן איז נישטא קיין שום מניעה צום צוקונפטיקן שידוך אין דער משפחה.

גאט האט טאקע געהאלפן און ביי ר׳ פישעלען איז געבוירן געווארן א זון און ביי ר׳ צבי סיני, זעקס וואכן שפעטער, א מיידל. ר׳ פישעלע האט זיין בן־זכר א נאמען געגעבן מרדכי לזכרון פונר׳ מרדכי ראקאווער, באוואוסט אין זיין משפחה. דעם מיידעלע האט מען א נאמען געגעבן לאה — נאך אן עלטער באבען א צדקנית.

און וואס האט דער פראקטישער שוואגער, ר׳ צבי סיני, דערווייל פאר די קינדער פשוט געמאכט? ער האט זיך באשטעלט א גרעסער וויגל, ווי פאר א צווילינג. געמאכט האט מען עס פון דעמבענעם האלץ, און אן ערך אין צוויי חדשים ארום האט מען שוין יעדן טאג געלייגט די קינדערלעך אין דעם דאזיקן וויגל אריין. פארנאכט האט יעדע מאמע גענומען אירס צו זיך אהיים אין אן אייגן וויגעלע אריין. גאנצע צוויי יאר האט מען אזוי גענוצט דאס טאפלטע וויגל, דערנאך האט ר׳ צבי סיני עס געהאלטן בלויז פאר זיינע אייגענע קינדער, וואס מיט דער צייט — אן אן עין־הרע — איז געשטיגן ביז אזש אויף אכט!

מרדכילע און לאהלע זענען אויפגעוואקן היימיש צוזאמען, זיך געשפילט מיט די אנדערע געשוועסטערקינדער, פילנדיק זיך ממש ווי שוועסטער און ברודער

די צייט שטייט דאך נישט שטיל, זענען די יארן זיך פארביי און מרדכילע און לאהלע האבן דערגרייכט זייער אכצענטן יאר. ר׳ צבי סיני, דער פראקטישער און וועלטס־מענטש, האט גענומען דערמאנען זיין פרומען שוואגער, ר׳ פישעלען, מכוח דער תקיעת־כף, וואס זיי האבן זיך געגעבן איידער נאך מען האט געלייגט די צוויי קינדער אין דעם גרויסן וויגל אריין, און אז עס איז צייט צו מאכן די חתונה. איז עס דאך א כלל ביי די חכמים, אז בן־שמונה עשרה לחופה!

נישט לאנג בריינענדיק, האט ר׳ פישעלע געגעבן זיין הסכמה צום שידוך, זאגנדיק, — מהיכי תיתי, איך בין נישט דאגעגען, חלילה. מסתמא איז עס א זיווג מן־השמים.

הכלל, אין טאג פון א יום־טוב, היות ר׳ פישעלע מיטן ווייב זענען געווען צוגאסט ביי ר׳ צבי סיני און מען האט געשמועסט פון דעם און יענעם, איז מען ארויף אויפן ענין פון די צוויי קינדער, מרדכילע און לאהלע. מען האט זיי צוגערופן צו רעדן מכוח תכלית. דער בחור און דאס מיידל האבן זיך געפילט אביסל שעמעוודיק איבער דער זאך, חוץ דעם האבן זיי זיך דא געפילט ווי שוועסטער און ברודער, וואס האבן זער גערן געהאט איינס דאס אנדערע. אבער נישט לאנג טראכטנדיק האבן זיי צוגעשאקלט מיטן קאפ אויף יא...

ווי דער שטייגער איז געווען, האט מען געשריבן תנאים אין א פאר וואכן ארום און געבראכן טעלער למזל.

— מזל טוב! מזל טוב! — האבן די מחותנים און מחותנתטעס געוואונטשן איינס דאס אנדערע, — אם ירצה השם, ביי איניקלעך! מען זאל נאר דערלעבן!

בקיצור, א האלב יאר שפעטער האט מען געפראוועט די חתונה כיד־המלך און, פארשטייט זיך, כדת משה וישראל און ר׳ צבי סיני האט געווינטשן מזל טוב שוואגער־מחותן ר׳ פישעלע. דאס יונגע פארפאלק האבן זיך ליב געהאט ווי דאס לעבן.

אן ערך צוויי יאר נאך דער חתונה איז ביי זיי געבוירן געווארן דאס ערשטע קינד, א מיידעלע, וועמען מען האט א נאמען געגעבן חנה, ווידער נאך א צדקנית אין דער משפחה. אבער איצט האט זיך אנגעהויבן א נייע מעשה איבער א וויג, וואס מען דארף קויפן פארן נייעם קינד.

מיטאמאל האט דער פראקטישער ר׳ צבי זיך דערמאנט אין דעם "דעמ־בענעם וויגל" וואס שטייט שוין אזוי מכמה יארן נישט־באנוצט, מחמת אלע קינ־דער זיינע זענען דאך אונטערגעוואקסן און מען האט עס מער נישט געברויכט. הכלל, ער איז געפאלן אויף א פלאן, אז דאס יונגע פארל זאל נעמען צו זיך דאס וויגל, אין וועלכן מען פלעגט זיאליין אריינלייגן מיט אזויפיל יארן צוריק, און עס נוצן פאר זייער אייגן ניי געבוירן קינד. אזוי איז אויך פארבליבן.

א צייט שפעטער, ווען זיי האבן זיך אריבערגעצויגן פון פרזשעדבארזש קיין לאדזש, האבן זיי מיטגענומען דאס דאזיקע מזלדיקע וויגל, אין וועלכן זיי אליין פלעגן ליגן, ביז זיי האבן דערין אויסגעוויגט נישט ווייניקער ווי צען קינ־דערלעך, בתוכם מיך אליין, מיך דעם שרייבער פון די שורות. דאס זעלביקע וויגל, וואס האט געדינט מיינע טאטע־מאמע, האט אויך מיר געדינט.

ביי יעדער נייער געבורט פלעגט ר׳ מרדכי ווינטשן ר׳ צבי סיני׳ן:

— מזל טוב, לחיים, פעטער און שווער! מיט מזל זאל מען לעבן!

מיט דער צייט האט ר׳ מרדכי זיך איינגעלעבט אין דער גרויסער שטאט לאדזש, געפירט א פרום באלעבאטיש הויז. היות ער איז געווען אן אפגעהיטע־נער ייד פלעגט ער דווקא דאווענען אין באוואוסטן גרערער שטיבל, וואס דער עושר וואידיסלאווסקי האט גרעסטנטיילס אויסגעהאלטן, און אזוי ארום אויך געווארן א גרערער חסיד. אפטמאל איז ער געווען דער שליח ציבור, געדאוונט פארן עמוד. שכנים און משפחה האבן אים זער ליב געהאט.

ר׳ צבי סיני, דער פעטער און שווער, פלעגט קומען יעדעס יאר קיין לאדזש איינקויפן סחורה, שניט־צייג. אויך ר׳ מרדכיס ברודער, שלמה לייב מיט זיין משפחה איז אויך געקומען זיך באזעצן אין לאדזש.

ווידער מאכט זיך אמאל און ר׳ צבי סיני קומט מיט א נייעם פלאן אויסצו־פירן א שידוך. דאס הייסט, אז ער האט געוואלט חתונה מאכן זיין זון עמנואל מיטן אייניקל חנהלע, מרדכיס און לאה טאכטער. ער האט זיך געהאלטן ביי דער מיינונג, אז אפילו אין דעם פאל מוז עס זיין א זיווג מן־השמים... אבער מען האט גענומען נאכטראכטן, אז דאס פארל איז זיך אביסל צו נאנט, ער איז גראד איר פעטער און זי — זיין פלימעניצע וואס אן אמת, לויטן יידישן דין מעג א פעטער נעמען זיין פלימעניצע פאר א ווייב, נאר דא איז געווען אן אנדער מכשול אין וועג: מען האט אים גערופן צו מיליטער־דינסט. אבער צום דינען ביי פאניען



האט ער קיין חשק נישט געהאט און פאר אויסמיידן די פליכט האט מען געקענט באשטראפן אויף דריי הונדערט רובל אדער אפילו תפיסה. נו. וואס טוט מען?

אבער אויב מען שטעלט זיך צו צום מיליטער און מען דעזערטירט דער־נאך, איז שוין מעגלעך אויסצומיידן בײדע סאי דאס דינען אין דער ארמיי סאי די שטראף פאר נישט וועלן אויספירן מיליטערישע פליכט ; דאס דעזערטירן מוז נאר געלינגען...

אזוי האט מען טאקע באשלאסן. קודם־כל האט דער חתן זיך צוגעשטעלט צום מיליטער און באלד דערנאך געמאכט זיין "ויברח". די כלה זיינע איז אים נאכגעפארן קיין אויסלאנד. נאר צו זיין זיכער מיטן שידוך האט מען דעם פאר זיין עוקר זיין קיין אויסלאנד געשריבן תנאים.

ניין, עס איז נישט געווען אזוי לייכט אדורכצופירן דעם דאזיקן פלאן. לכתחילה האט די כלה מורא געהאט צוצושטימען צו אזא ריזיקאלישן פלאן, א שיין און וואויל מיידל זי איז געווען. אבער דער זיידע, ר׳ צבי סיני, האט זי איבערגערעדט, אנווייזנדיק אויפן וויגל, אין וועלכן מען האט זי און אויך דעם זון זיינעם, עמנואל, אויסגעוויגט אלס קליינע קינדער. אויך אירע עלטערן האבן זי שטארק צוגערעדט, אז עס איז א גליק־שידוך, דער חתן איז דאך אן ארנט־לעכער בחור און דערצו פון דער אייגענער משפחה. א מיידל קען נאך, חלילה, פארזיצן ביזן גראען צאפ !...

בקיצור, נאך לאנגע טענות און מענות האט זי זיך געלאזט צורעדן. און מען האט געשריבן תנאים ווי ביי לייטן, אפילו מיט ברעכן טעלער. דער כלהס טאטע, ר׳ מרדכילע, האט דאס מאל געפונען א נייעם פזמון צו ווינטשן דעם פעטער ר׳ צבי סיני,

— מזל טוב, פעטער; מזל טוב, שווער, מזל טוב, מחותן!

דער בחור החתן האט זיך טאקע צוגעשטעלט צום מיליטער און נישט לאנג דערנאך דעזערטירט קיין לאנדאן, וואוהין ער איז אנגעקומען בשלום. חנהלע, די כלה זיינע, איז אויך אהינגעקומען בשלום, נאכפארנדיק אים. דארטן אין קאלטן לאנדאן האבן זיי, מיט מזל, חתונה געהאט און זיך אויסגעלעבט זייערע יארן בכבוד און נחת פון קינדער, אייניקלעך און אפילו אור־אייניקלעך.

• • •

הגם איך אליין בין אויך שוין א זקן, זע איך נאך אין זכרון דאס לעבן אין יענעם יידישן שטעטל, וואס עקזיסטירט מער נישט. טראגיש ווי עס איז חרוב געווארן! באזונדערס זע איך נאך אלץ דאס "דעמבאווע וויגל", אין וועלכן מען האט אויסגעוויגט צוויי דורות קינדער אין משך פון פערציק יאר.

דאס וויגל, פארשטייט זיך, איז פארבליבן אין פוילן. איצט וואלט עס אלט געווען אן ערך הונדערט מיט פינף און צוואנציק יאר — ממש אן אנטיק פאר א מוזעאום, אפשר פארן בריטישן מוזעאום. האט עס דאך געהאט א גאנצע משפחה געשיכטע הינטער זיך, אבער איין גאט ווייסט וואו עס געפינט זיך איצט און צי עס עקזיסטירט נאך. אויב יא, ווער וואלט געקענט אפשאצן די ווערט פון דעם דאזיקן זעלטענעם וויגל?

## דוד בערמאן : **פאר א געפאלענעם העלד** [לכבוד משה דיין ז״ל]

יונג ביסטו געווען,
צו יונג צו שטארבן,
מיט דיין יונג, טייער לעבן
אונזער לאנד צו מאכן ארבן.

מען הערט דוד׳ס תהלים
אין הייליקער ירושלים —
דוד המלך׳ס כנור וויינט
ביי כותל־מערבי היינט.

## **יידיש טעאטער** 1981/82 — פון הערי אריעל

אין דעם יאר 1951, ווען די שוישפילער מארק מארקאוו און עטא טאפעל האבן זיך שוין פון לאנג באזעצט אין ראדיזיא און מאיר צעלניקער איז אוועק צו דער ענגלישער בינע, האב איך גענומען אויף זיך דעם יאך פון שלעפן דעם שווערן וואגן וועלכער הייסט יידיש טעאטער... סטארס פון אויסלאנד האבן געשפילט אונטער מיין אנפירערשאפט אין ״גרענד פאליי״. איך האב פאר זיי געשריבן רעפערטואר מיט וועלכן זיי האבן דערנאך געהאט דערפאלג איבער דער גאנצער וועלט ווי מען האט נאך געשפילט יידיש טעאטער. מיינע פיעסן האבן געשפילט אזעלכע סטארס ווי בן ציון וויטלער, מאקס פערלמאן, זשעני לאוויץ, הענרי געררא און פיל אנדערע. איך האב אויך באארבעט און אויפגעפירט דעם רעפערטואר וואס עס האט ביי אונז געשפילט בערטא גערסטען.

דאס אלץ אבער געהערט צו דער פארגאנגענהייט, וויכטיג איז דאס וואס נישט קוקנדיק אויף דעם וואס די ״עקספערטן״ האבן פארויס געזאגט מיט דרייסיק יאר צוריק אז יידיש טעאטער גייט אונטער, שפילן מיר נאך אלץ מיט גרויס דערפאלג.

ווען מיר האבן אין יוני פארענדיקט אונזער סעזאן אין מאנטשעסטער, האט דער שרייבער, פאעט און רעדאקטאר פון די ״מאנטשעסטער דזשויש גאזעט״ געשריבן : ״דער שטורעמדיקער אפלאז נאכן לעצטן פארהאנג פון הערי אריעל׳ס אויפפירונג ״א גאסט פון ישראל״, האט ווידער באשטעטיגט דאס גרויסע פארגעניגן וואס דער אלזייטיג טאלענטירטער אנסאמבל פון דעם לאנדאנער יידישן טעאטער ברענגט קיין מאנטשעסטער. די גרויסע בינע טעכניק פון אנא צעלניקער האט אזוי פארינטערעסירט דאס גאנצע פובליקום אין דעם אינהאלט פון דער פיעסע, אז זיי זיינען מיטגעריסן געווארן מיט דער שטימונג פון יידישקייט, וועלכע זי האט ארויסגעברענגט מיט אזא רייכן טאלענט וואס נאר געציילטע שוישפילערינס פארמאגן אויף דער יידישער בינע. איך האב נאכגעפאלגט די קאריערע פון בערנארד מענדעלאוויטש פון דעם אנהויב ביזן היינטיקן טאג, ווי אלס רייפער שוישפילער און זינגער, ברענגט ער אמת׳ע פרייד די פארערער פון יידישן טעאטער. דער וועטעראן מייטא סעגאל איז געווען בעסער ווי אלע מאל אין דער קאמישער ראלע אלס די טויבע ״ציפע״. זי האט ארויסגערופן גרויסע געלעכטערן מיט יעדן ווארט. הערי אריעל איבערטרעפט זיך אין אלעם וואס ער נעמט אונטער. עס איז צו באוואונדערן זיין גרינגן קאנטאקט מיטן פובליקום און עס איז געווען פאר מיר א כבוד אז דער קינסטלער זאל



האבן איבערזעצט מיינס א באשיידענע פאעמע ״דאס לעבן איז א קארטן שפיל״ און עס רעציטירט אין דער פארשטעלונג. א שטארקן אפלאז האט מען געגעבן פיל בערנשטיין און ריקי בארנארד פאר זייער אקאמפאניאמענט. פיל בערנשטיין האט געשפילט מיט געפיל אויפן פידעלע וואס זיין פאטער האט אים געשאנקען צו זיין בר מצוה״.

דאקטאר י. ליבמאן האט געשריבן אין ״די דזשויש גאזעט״ :: ״די יידישע אקטיארן האבן אונז געגעבן דאס וואס נאר יידיש לשון קען געבן, די מענטשליכקייט פון יידישן פאלק פאריייניקט מיט דראמע, הומאר, שארפזין און ליבע פאר דער יידישער היים. דאס פובליקום איז געווארן ווי איין גרויסע יידישע משפחה שטאלץ מיט אונזער ירושה...״

דעם 6טן סעפטעמבער האבן מיר אנגעהויבן דעם נייעם סעזאן און אין דעם איצטיקן מאמענט האבן פארשיידענע ארגאניזאציע וועלכע זאמלען געלט פאר ישראל און ארטיקע וואהלטעטיקע צוועקן, אונז שוין פארקאנטראקטירט ביז מערץ 1982, אזוי אז די וועלכעווארטן אויפן אונטערגאנג פון יידישן טעאטער וועלן נאך דארפןווארטן זער לאנג...

## מאיר צעלניקער : **העסל סטריט**

העסל סטריט, מיין טייער העסל סטריט,
בארימט ביזטו ביי יעדן, קיינער פארגעסט דיך ניט,
ביי דיר איז די גאנצע מענטשהייט גלייך,
דו באהאנדלסט מיט חסד ארעם און רייך.
דיינע הייזקעס זיינען ווארעם און ליכטיג,
דיינע ״שאפקעס״ זיינען קליין און ציכטיג.
דו ביזט א בריליאנט וואס מען דארף אפהיטן,
ווייל ביי דיר געפינט זיך פון אלעם גוטן :
פון קיכלעך, לעקאך, בייגל און טארטן,
ברויט און חלה פארשיידענע סארטן,
צו דיר מוזן אנקומען די גרעסטע לייט
מיט באסעס און טעקסיס פון נאענט און ווייט.
פון קריקלוואוד, עדזשוועער און גאלדעס גרין
קומט מען צו דיר אויסטאפן א הין...
נישטא קיין זאך וואס דו זאלסט נישט פארקויפן:
לאקשן און פארפל, טשוועקעס מיט שרויפן,
פון העמדער און גאטקעס,
ווייבערישע שמאטקעס,
שפילקעס און ״לעיסעס״, גארסעטן און ״ברעיסעס״,
״ליפסטיק״ און פודער פאר ווייבערישע ״פעיסעס״...
אין היץ און אין קעלט פארקויפסטו דיין סחורה,

יא "קופאנס", נישט "קופאנס", דו האסט נישט קיין מורה...
העסל סטריט, מיין העסל סטריט, דו ביזט "אלרייט",
דיינע הערינג און פיש שמעקן גאנץ ווייט...
קיין "קאמפעטישן" צו דיר האסטו ניט,
א כפרה פיקאדילי פאר גאנץ העסל סטריט!

דאס ליד האט מען געפינען צווישן די שריפטן פון מאיר צעלניקער א.ה. וועגן דעם יידישן לאנדאן אין דער לעצטער מלחמה.

גאר א גרויסער עולם טעאטער גייער־ און אקטיארן פארערער פון דעם היינטיקן לאנדאן צוזאמען מיט זיין פרוי, קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך זיינען געווען ביי דער מצבה שטעלן נאך זייער באליבטן מאיר. די ריידנער זיינען געווען די שוישפילער לעאן בלומענזאן און בערנארד מענדעלאוויטש.

[פון דעם בוך אין דער העברעישער שפראך "עלי-הגיון"
פון **אהרן הכהן**, וואס איז איצט דערשינען אין לאנדאן]

## ה י י נ ט

**פאר־נעכטן בין איך געווען א קינד, א נאיוו קינד,**
**א באגייסטערט הארץ, פול מיט האפענונגען;**
**נעכטן בין איך געוואקסן,**
**ווען דער פרילינג האט זיך געזעצט.**

**היינט איז די ווירקלעכקייט פון דער וועלט,**
**א גרויסער חלום, וואס פארפירט —**
**אין דעם נעמען אלע אנטייל,**
**ווייל מ'זעט אז די צוקונפט איז אונטערגעגראבן.**

**מורא און משונהדיק איז די נאטור און אפאטיש,**
**יעדער געשעעניש איז אויף דערווייל;**
**אויפגעדעקט און געהילט, יוגנט און עלטער —**
**דער מארגן און דער הארבסט.**

**היינט האב איך נישט קיין חלומות,**
**איך האב גענוג מיט די בשותפותדיקע האפנונגען פון מענטשהייט;**
**בין אויפגעוועקט ביים עק פון מיינע יארן,**
**אבער די מענטשן שלאפן טיף... אלץ דרייט זיך כסדר...**

(פון העברעיש: א' הכהן און י"א ליסקי)





אפטמאל שטעלט מען זיך אפ איבער א נאמען און מען וואונדערט זיך ווי עפעס סימבאליש דער דאזיקער נאמען קלינגט. למשל, מלאטעק איז א פוילישווארט, וואס באטייט א העמערל. אבער אין אט דעם דאזיקן ווארט ליגט ממש א צארטקייט ווי אונז צו געבן אן אנגעהערעניש, אז עס האנדלט זיך נישט סתם אין א בעל־מלאכהסווערקצייג, נאר אין א מכשיר צו אידעלע צוועקן פאר קונסט און קולטור.

אזעלכע און ענלעכע געדאנקען קומען מיר אויף דער מחשבה ווען איך טראכט פון יוסף מלאטעק — דער האמער— וואס טוט אזויפיל אויף פאר אונז אויפן געביט פון יידיש און יידישער קולטור. קלינגט דאך טאקע, ווי אן אפהילך פון זיין טעטיקייט, זיין נאמען, מיט געהעריקער אכטונג, אויף דער יידישער גאס און געגנט און בכלל שוין איבער דער יידישער וועלט.

מעגלעך איז אויך, פארשטייט זיך, אז דער טרעגער פון א נאמען ווערט אליין פערזענלעך באאיינפלוסט פון זיין סימבאלישקייט און לעבנסלענגלעך פירט ער עפעס אויס וואס עס ליגט טאקע אין דעם נאמען. אפילו פארצייטנס האבן שוין די רוימער געהאט אן אנונג דערפון, אז א נאמען איז אייגנטלעך אויך א רמז...

וואס זשע זעען מיר ביי יוסף מלאטעקן? דאס גאנצע לעבן זיינס, זינט ער איז אלט געווארן צען יאר, שטייט ער אויבנאן ביי אונזער יידישער קולטור "אויסצוהאמערן" וואס עס פאדערט זיך אין א געגעבענער געלעגנהייט, צי עס איז א שמחה צי, זאל גאט אונז באהיטן, א טרויער־אוונט. ביי כלערליי געלעגנהייטן הערן מיר זיין וואגיק ווארט, קורץ און שארפזיניק, אז מען מוז ממש באוואונדערן וואס ער האט צו זאגן און ווי ער ברענגט עס ארויס!

איז עס פאר קיינעם טאקע נישט קיין חידוש וואס דער ארבעטער־רינג אין ניו־יארק האט בשעתו אויסדערוויילט יוסף מלאטעקן צו זיין דער קולטור־דירעקטאר ביי דער דאזיקער ארבעטער־ארגאניזאציע. און אז מען פארשט נאך יוסף מלאטעקס קאריערע געפינט מען טאקע אויס ווי שוין אלס א צען־יעריקער בחור האט ער ארויסגעוויזן פעיקייט און מען האט אים געדרוקט אין דער בונדישער "פאלקס־צייטונג" אין ווארשע. יארן שפעטער האט מען אים דארטן אויפגענומען אלס מיטארבעטער פון דער רעדאקציע. געפינען מיר אויך טאקע אין "פארווערטס" ווי טאלענטירט יוסף מלאטעק איז דעמאלט געווען, אז מען פארגלייכט אים מיט פנחס שווארץ און אנדערע שרייבער פון "פארווערטס".

ווי געציילט און וואגיק זענען זיינע ווערטער האט מען געקאנט זעען ביי דער פייערונג לכבוד דעם ווילנער קונסט־מאלער, נחום אלפערט, און זיין אויסשטעלונג אין אמעריקע, מען האט גערעדט פאר פייער און פאר וואסער, מען האט געהאלטן לאנגע און לאנגווייליקע רעדעס, וועלנדיק זיך אליין פרעזענטירן און גרויס מאכן ווי אויך ארויסצואווייזן זייער אייגענע אינטעליגענץ...

יוסף מלאטעק אבער האט נישט געהאלטן קיין לאנגן „ספיטש“, נאר גערעדט האט ער בלויז פינף מינוט. אין אט די דאזיקע פינף מינוט האט ער אויסגעדריקט קורץ און שארף זיין ליבשאפט צום קינסטלער, דאס אנאנסירן אים ווי געהעריק טאקע אין „פארווערטס“ און אויך די סובווענץ פאר זיינעטוועגן. האבן דעריבער די דאזיקע רייד יוסף מלאטעקס איבערגעלאזט דעם געהעריקן רושם אין זאאל לכבוד דעם קינסטלער נחום אלפערט.

להיפך האט א שרייבער פשוט געלאנגווייליקט דעם עולם איבער א וואנט, וואס איז שטיין געבליבן פון דארטיקן יידישן געטא. און וואס איז איינגנטלעך געווען יענעמס כוונה? ער האט געזוכט אויסצונוצן די דאזיקע געלעגנהייט צו ווייזן דעם עולם ווער ער איז פערזענלעך. פון דער מעשה זיינער האט מען עס טאקע געזעען, אז ער וויל זיך באווייזן; און „זאל מען זעען ווער איך בין!“

יוסף מלאטעקס קלאנג אבער איז ממש זיס ביי יעדער קולטור־אונטערנעמונג אין שייכות מיטן ארבעטער־רינג, ניו־יארק און אויך אומעטום. אט דער דאזיקער קלאנג דערמוטיקט א נויטבאדערפטיקן קינסטלער און מאכט אים פריילעך, ווייל באלד קומט יוסף אים צוהילף מיט אמת, מיט העלפן דרוקן א פלוג־בלעטל, מיט העלפן ריכטיק אנאנסירן אן אונטערנעמונג אין „פארווערטס“ און אפילו, אויב נויטיק, געפינען א געלט־אונטערשטיצונג!

איך ווינטש דעם חבר יוסף מלאטעק, אז זיין האמער זאל קלאפן ביז הונדערט און צוואנציק יאר — אמן!

## לאה ראבינסאן: די 1981 יידיש זומער פראגראם אין קאלומביע

אין דער מאקס וויינרייך יידיש זומער פראגראם אין קאלומביע אוניווערסיטעט, ניו יארק, האבן זיך באטייליקט היי־יאר עטלעכע תלמידים פון ענגלאנד און אויך פון אנדערע לענדער: די פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע, פראנקרייך, בעלגיע און יאפאן. סירוב זיינען געווען יונגווארג, נאר איינער, קלמן, איז שוין ביז א הונדערט צוואנציק א בן־שמונים מיט א לאנגער ווייסער בארד; ער האט זיך ערשט אנגעהויבן שטודירן יידיש מיט צען יאר צוריק. אחוץ מיר איז דא געווען נאך א ניט־ייד, דער יאפאנער טעצו, וואס האלט אין איבערזעצן די ווערק פון י.ב. זינגערן אויף יאפאניש.

ביי אונדז אינעם אוואנצירטן קלאס איז דער לערער געווען דוד קאץ. יעדן טאג אין דער פרי, דריי שעה נאך אנאנד, האט ער מיט אונדז געלערנט יידישע גראמאטיק און ליטעראטור — למשל, מענדעלעס פישקע דער קרומער און יעקב גארדינס מירעלע עפרת. דוד האט ביי אונדז געפאדערט אנגעשריבענע היים־ארבעט און אויך אז יעדערער זאל צוגרייטן א קורצע רעדע וועגן וואס מע וויל. תלמידים האבן גערעדט צום ביישפיל וועגן דער הארץ, שלום עליכמס הומאר און דעם ווילנער באלעבעסל.

נאך־מיטיק זיינען מיר געגאנגען אויף לעקציעס, געהאלטענע פון אזעלכע אינטערעסאנטע פערזענלעכקייטן ווי וואלף יונין דער דיכטער, צבי סקולער



דער אקטיאר און מאלי פיקאן, די שטערנטע פון די יידישע פילמען. איינעם פון אירע פילמען, די מאמע, האבן מיר געזען; אויך מיר קומען אן (וועגן דער מעדעם־סאניטאריע) און אימיידוש בעפאר מיי אייז (וועגן דעם יידישן לעבן אין פוילן פאר דער מלחמה).

מיר זיינען געקומען צו גאסט צו ייווא און צום ארבעטער רינג, וואס מע דרוקט איצט אפ אינעם קעלער זיינעם די צייטונג פארווערטס. יוסף מעלאטעק האט מיט אונדז גערעדט; ער שיקט א הארציקן גרוס אלע לאנדאנער יידישיסטן. א גרויסער שאד וואס מיר האבן פארפעלט סעם גאלדבערגס פארשטעלונגען ביים ארבעטער רינג. מיר האבן זיך אבער צוגעהערט צו די לידער פון אברהם סוצקעווערן, וואס ער האט אליין פארגעלייענט אינעם צענטראלן שול צו אן עולם א באגייסטערטן.

יאש וואלעטסקי האט מיט אונדז געלערנט יידישע פאלקס־לידער, פלעגן מיר זיי זינגען אויף דער נאכט ארום א פיאנע. איין מאל זיינען צוויי חברים מיינע מיט מיר ארויס אויף בראדוויי: לאה מיט מיר האבן געזונגען און דניאל האט צוגעשפילט אויפן פידל, האבן מיר פארדינט א פאר דיימען ביי די פארבייגייערס.

געוואוינט האבן מיר אין דירות אויפן קאמפוס. ביי דער טיר פון יעדן האסטל איז שטענדיק געשטאנען א וועכטער א באייאפנטער מיט רעוואלווער און שטעקן, וואס מע האט אים געמוזט ווייזן אן אידענטיטעט־קארטע ביים אריינגיין. איכ האב דערלעבט ארויפצוקריכן אין די הויכע פענצטער: איך האב דאך געוואוינט אויפן פופצנטן גארן פונעם האסטל, פון וואנען איך האב געקענט קוקן אויפן שפיץ, אויף דער נאכט א באלויכטענעם, פונעם עמפייר סטייט בילדינג. ביי מיר האבן מיטגעוואוינט א גוזמא טאראקאנעס. גאנץ אפט פלעגט מען אנקלינגען אינעם שרפה־מעלדער. אזוי ווי מע טאר ניט דעמאלט באנוצן די ליפט, האט מען געמוזט אראפלויפן די פופצן גארנס צו פוס. נאך דעם האט מען געווארט אין דרויסן בעת די פייערלייט האבן בודק געווען דעם בנין. א מאל איז דאס געשען שפעט אויף דער נאכט, ווען די שלעפעריקע קווארטיראנטן זיינען געגאנגען אנגעטאן אין ליילעכעס מיט קאלדרעס. פלוצים דערהערט מען א קול: „איר קענט שוין גיין שלאפן — דער פייער־אלארעם איז געווען א נעכטיקער טאג“.

מיר זיינען געגאנגען אויף עטלעכע לעבעדיקע שימחות אין שטאט און אויך ביי מעינקע מיט רבקה קאצן, וואס וואוינען נעבן א טייכל אינעם טיפן, שטילן וואלד. מיר האבן זיך באפריינדט מיט ביילע גאטעס מאנען, דער דיכטערין, און איר זון יציקן, דעם רעדאקטאר פון יוגנטרוף. אחוץ שרייבן, ארגאניזירן די יוגנטרופניקעס יידיש סוף־וואכן, ווען מע רעדט נאר אויף יידיש אפילו ווען מע שפילט אין בייסבאל.

ביים סיום האט מרדכי שעכטער אונדז געשאנקען אונדזערע אטעסטאטן. עטלעכע האבן פארגעלייענט אייגענע ווערק אדער געזונגען — בארי דייוויס

למשל האס געזונגען יודל מיטן שטרודל — און א גרופע האט דורכגעפירט איציק מאנגערס פורים־שפיל.

די מאקס־וויינרייך יידיש זומער פראגראם, וואס האט צונויפגערופן אזוי פיל יידיש־ענטוזיאסטן פון פארשידענע לענדער, האט ביי מיר זייער פארשטארקט די האפענונג פארן עתיד בנוגע מאמע־לשון. פון מיין מויל אין גאטס אויער, אמן!

א. נ. שטענצל

## צום בלויען הימל

א ליד צום בלויען הימל
טויזנטער שוין געשריבן,
און אליין מרה־שחורהדיק
און טרויעריק געבליבן —

זינגען א לידל צו די
אויפגייענדיקע בלומען?
אוי, וויפל שוין געזונגען,
און אין גרויס צער פארקומען.

כ׳וועל זינגען א ליד צום טויט,
און פריילעך עס זאל קלינגען — —
מיינע לעצטע טעג לעבן,
אויסהאלטן מיר געלינגען.

## כ׳קען שוין נישט מער

כ׳קען שוין נישט מער
עול פון לעבן
אים טראגן מער —

ס׳הייליקע ווארט,
עס היילט נישט מער!

אין אויג די טרער,
זי בלייבט הענגען,
דורכזיכטיק לער.

אז דאס הארץ אויס־
געליידיקט לער.

אהין אהער,
גלאט זיך דרייען,
ווי שווער, ווי שווער —

גלייכער אויף שטריק
וואס שוין דער מער —
— — — —

## בכל־אופן...

מ׳וואלט דען ס׳לעבן אויסגעהאלטן,
וואלט דער טויט נישט געווען די
טרייסט?
יעטוועדער טראט דער לעצטער איז,
אים צו באגעגענען די גייסט.

נישט ווי מען ווייסט וואס דער
טויט איז,
אזוי וואס לעבן איז מען ווייסט — —
בכל־אופן פון ביסל לעבן,
מיטן טויט מען ווערט אויסגעלייזט.



* * *

וואס איז טיף אינם הארץ,
ווער קאן עס אויסזינגען?
זיי זיינען די ריינגען
אין קייטן צעקלינגען:

זייער קלאנג ווער פארשטיין?
ס׳איז אזא מין געוויין.

ווער ווערטער געפינען
ריכטיק צו פארשרייבן?
זיי מוזן שוין בלייבן
דבוקים ארומטרייבן...

צווישן גראז און אומקרויט
רויז אויפגייט פלאמיק־רויט.

וואס טיף אין הארץ אויפבליט,
ווען קאן עס באגרייפן?
ווי זאלסט עס נישט שלייפן
א בלינדער אויף הייפן.

מיט פידל מ׳גייט ארום,
דאס הארץ אבער בלייבט שטום!

## איז עס דאס לעצטע ליד

איז עס דאס לעצטע ליד שוין?
ווי ס׳ציטערט, ווי ס׳צאפלט די האנט!
וועל איך עס נאך ענדיקן?
שטעלט זיך דאס הארץ אפ,
דער פארשטאנד.

איז נישט יעדעס ליד ס׳לעצטע?
מען מיינט, אז מ׳זאגט שוין אלץ
ארויס —
אפגעזאגט און מ׳איז פארטיק,
און מיט אלצדינג א סוף און אויס.

א, ווי ליידיק ס׳איז דער קאפ —
דאך דאס הארץ עס איז טאפלט שווער!
דאס אנגעשריבענע ליד — —
די איבערגעגאנגענע טרער.

מ׳קאן דען א טרער קריק האלטן?
זי פאלט דאך ווי א שווערער שטיין
פון הארץ אראפ, און מען מיינט —
ווי געווען עס וועט ווייטער גיין.

* * *

...אז וואס איצט נאך דער צוועק,
איז נישט בעסער אן עק?
איין רגעלע א שרעק
און פון אלצדינג אוועק?

אויסגעהאלטן ווי לאנג —
פארשפילט מיט מיין געזאנג!
אבער אלט איצט און קראנק,
מיט גיפט פול, ווי א שלאנג.

ווייטער נאך אנצוגיין
מיט מיין לידל־געוויין?
פארוואס ס׳מוז אזוי זיין,
נישט צו קענען פארשטיין?

• • •

יא, ס׳לעבן אויף דער ערד
צומאל די שטריק נישט ווערט.

# אין א הערבסט טאג

1
טרערן זידיק גליאיקע,
די מחשבות מיר צערינען;
וויפיל כ'זאל מיך נישט זוכן,
איך קען מיך נישט מער געפינען.

כ'דריי מיך' ארום ארום מיר,
א מענטש פארלוירן פון זינען —
קאפעט עס פון הימל, פון,
מיינע אויגן טרערן רינען?

ס'גראמט זיך שוין שווער דאס לעבן,
קיין שום זינען מער דערינען!
מיך צוראטעוועז, כאטש אין
קבר אריין טיף ענטרינען.

2
יא, יעדעס ליד איז ס'לעצטע —
מ'מיינט אז מ'זאגט שוין אלץ ארויס!
אפגעזאגט אין מ'איז פערטיק,
און מיט אלצדינג א סוף און אויס.

א, ווי לײדיק ס'איז דער קאפ —
דאך דאס הארץ דעמלט טאפלט שווער
דאס אנגעשריבענע ליד
די איבערגעגאנגענע טרער.

מ'קאן דען א טרער צוריקהאלטן?
זי פאלט דאך א שווערער שטיין
פון הארץ אראפ און מען מיינט:
ווי געגאנגען ס'וועט ווייטער גיין.

3
וויפיל מאל באזונגען,
די רויזן די נעלקן — —
און ווען אין די ערד שוין,
אליין איך וועל וועלקן —

נישט באזינגען זיי כ'וועל —
מיין פליש זיי אוועקגעבן!
אז וואקסן זיי זאלן
און בליען און לעבן.

עס געניגט נישט א ליד,
ווי גוט אנצושרייבן — —
ס'לעבן דערפאר אוועק,
געבן מ'מוז־ס'זאל בלייבן.

4
אז וואס איז דען א ליד?
דאס הארץ צום טויט שוין מיד,
לעצטן צאפל ס'וויל געבן
און דאך ווייטער ס'מוז לעבן.

פארבייסן ליפ מיט ציין,
נישט דערהערן ס'געוויין —
ווייטער קענען אויסהאלטן,
נישט הערן די געוואלטן.

אז וואס איז דען א ליד?
וויינען סטיט יעדעס גילד —
מ'נעמט זינגען מ'זאל נישט הערן,
מיינען מ'זאל ס'איז פרייד טרערן.

5
וואס איז דען א ליד?
ווען מ'איז יונג, ס'בליט קאכט, זידט,
ס'איבערגייט פון פרייד — —
און דאס הארץ זינגט א ליד.

ווען מען ווערט אלט און
דאס געמיט ווערט קאלט, מיד —
מ'פאלט פון די פיסן כאטש
בלייבן לעבן אין ליד —

ווי ארעם מענטש איז — —
אלט, יינג אן אינטערשיד?
אבער די האט דען
עפעס אנדערש א יידז?



• • •

א ווינטיקער קאלטער טריבער טאג,
כ'זיץ איבער א בוך אין ווינטער־פאלטן;
עס פלאנטערן זיך גרוי די שורות,
די אויגן ווייסן נישט ווו זיי האלטן.

דער הימל — טרערן איבערלאפן!
הענגט א שווערער, א פולער מיט טרויער;
די ווארקנדיקע טויב אין דער שויב —
דער טאטע געברומט וואלט איבערן זוהר:

"תא חזי" — קום און זע, האי עלמא,
טאקע, צו וואס קאן מען זי פערגלייכן?
צום גרייען טריפנדיקן הימל
אויבן — דעם אויסגעלאשענעם בלייכן.

## בערנארד מענדעלאוויטש: מעטא סעגאל ע"ה

דאס יידישע טעאטער האט געליטן א שווערן פארלוסט צוליב דעם וואס די גוט באקאנטע און זער באליבטע שוישפילערין מעטא סעגאל איז מער נישט צווישן די לעבעדיקע. געבוירן אין ווילנע, פוילן, אין דעם קולטור צענטער פון אייראפע, איז זי נאכן ענדיקן די דראמאטישע שולע געווארן א פראפעסיאנעלע אקטריסע און באלד געשפילט הויפט ראלן מיט אזעלכע סטארס ווי יעקב בן עמי, רודאלף זאסלאווסקי, מיכאל מיכאלעסקא און אנדערע. צום ערשטן מאל אין לאנדאן האט זי אויפגעטרעטן אין יאר 1933 אין דעם "פאוויליאן טעאטער" און באשלאסן אז דא וועט זיין איר היים ווי זי האט טאקי געשפילט טעאטער די אלע יארן, א חוץ קורצע גאסטשפילן אויפן קאנטינענט און אין דרום אפריקא.

דורך די 60 יאר פון איר טעאטער קאריערע האט זי זיך דערווארבן א נאמען אין דער פראפעסיע פאר איר איבערגעבנקייט צום טעאטער און אפילו די לעצטע יארן געווען בארימט נישט נאר צוליב דער וואונדערבארע אינטערפרעטאציע פון אירע ראלן, נאר אויך צוליב דעם וואס זי האט זיי געקענט פון אויסנווייניק אויף דער ערשטער פראבע. דאס טעאטער איז ביי איר אלעמאל געווען אויפן ערשטן פלאן. זי האט זיך איינמאל אליין באפרייט פון שפיטאל אפצושפילן א פארשטעלונג אין דער פראווינץ, דאן צוריקגעפארן ביינאכט אין שפיטאל אריין צו האבן אנ'ערנסטע אפעראציע. ווען זי איז שוין געווען געפערלעך קראנק האט מען זי נישט געקענט אפהאלטן פון שפילן איר לעצטע פארשטעלונג, דאס איז געווען צוויי וואכן פאר איר טויט.

צוליב איר גרויסן טאלענט האט זי געמאכט א שטארקן איינדרוק אין ראלן פון ערנסטן רעפערטואר מיט א ליטערארישן ווערט, ווי אויך אין מוזיקאלישע קאמעדיעס וועלכע זי האט געשפילט מיט חן און טעמפעראמענט. דאס פובליקום פון יידישן טעאטער אין ענגלאנד און אירע חברים אקטיארן פון דער גאנצער וועלט וועלן זי קיינמאל נישט פארגעסן. עס איז געבליבן אין טיפן טרויער איר מאן, דער אקטיאר דוד סעגאל.

# אלבערטא מאראוויא: קאנקורענץ

מען זאגט, אז קאנקורענץ איז די חיות פון מסחר. מינדעסטנס, בשעת כ׳בין נאך געווען א קליין ייִנגעלע, איז מיין זיידע, נעבעך צוויי מאל געווארן א יורד דורך קאנקורענץ מיט זיין געשעפטל פון נעפעס און גלאזווארג. ער פלעגט דערקלערן דאס געזעץ פון קאנקורענץ אויף אט אזא אופן: ״עס איז א געזעץ ווי פון אייזן, וואס קיינער קען נישט האפן צו אנטרינען דערפון... לאמיר זיך פארשטעלן איך מאך אויף א געשעפט אויף דער דעל־אנימא גאס, איינגטלעך, פון כלים, טיפע טעלערס, טעפעלעך, גלעזער... אביסל שפעטער און נידריקער אויף דער זעלביקער גאס עפנט אן אנדערער אויף אן ענלעך געשעפט... און קאנקורירט מיט מיר. דאס הייסט ר פארקויפט די זעלביקע כלים צו א פרייז נידריקער פון מיינעם... גייען די קונים אריבער צו אים און איך מוז באנקראטירן... אט דאס איז דאס געזעץ פון קאנקורענץ.״ ״אבער זיידע, פלעג איך אים ענטפערן, אויב דו באנקראטירסט, וועלן מיר דאך אלע שטארבן פון הונגער״. ״פארשטייט זיך, פלעגט ער זיגעריש אפענטפערן, מיר אלע וועט טאקע שטארבן פון הונגער, אבער דער קונה וועט האבן א נוצן פון דעם.״ ״און וואס גייט מיך אן דער קונה?״ ״דערויף פלעג איך אים זאגן... שטעל דיר פאר מיך... אויב ס׳וואלט געווען אפהענגיק פון מיר וואלט איך אים געוואלט זעען מיט אן איבערגעשניטענעם גארגל... נאר פאקטיש אט דאס איז דאס וואונדערלעכע געזעץ פון קאנקורענץ: עס צווינגט דיך צו ברענגען א נוצן דעם קונה אפילו ווען דו ווילסט עס נישט״. איך פלעג פארענדיקן מיט: ״זאל זיין אזוי, נאר טאמער נעמט זיך עמיצער אין זינען אריין מיך צו באנקראטירן, ווייל ער וויל אזוי, וועל איך גלאצן אויף אים מיטביידע גרויסע אויגן אט אזוי.״ ״ווייל דו האסט ליב דיך צו קריגן און געצייגט אנצוגרייפן,״ פלעגט דער זיידע מיינער מיר ענטפערן, ״אבער אין מסחר האט אנגרייפערישקייט קיין ארט נישט. מען וועט דיך איינזעצן און וועסט נאך פריער גיין באנקראפט: דאס איז אלץ... אין מסחר פועלט גארנישט אחוץ די קאנקורענץ״.

הכלל, יארן שפעטער איז מיר אויסגעקומען מיך צו דערמאנען אין אט דעם געדאנקען אויסטויש איבער קאנקורענץ. איך אויך האב מיך גענומען צום מסחר, הגם אויף א מער באשיידענעם אופן ווי מיין זיידע, ווייל אין דער צווישנצייט איז עס אונזער משפחה געגאנגען כסדר מיט דער פוטער אראפ: מיין טאטע איז געשטארבן און דער זיידע, האלב פאראליזשירט, האט מער נישט געקענט האנדלען נישט באנקראטירן, נאר איז זיך געלעגן דעם גאנצן טאג צו בעט. נו, האב איך ארויסגענומען א דערלויבעניש צו האנדלען מיט א וועגעלע פון ארט צו ארט פול פון אלעם צוביסלעך: זיסע איילבירטן, פאמעראנצן, געטרוקנטע קאשטאנעס, טרוקענע פייגן, מאנדארינען, וועלשענע ניס, רבי־ניסלעך און ענלעכע סחורה. מיט דעם דאזיקן וועגעלע, האב איך מיר אויסגעזוכט א מקום ביים ארייגאנג צו דער בריק אקייגנאיבער דעם דזשיאניקאלא־טונעל. עס איז אן ארט, וואו דער מענטשן־פארקער איז גרויס; אלע, וואס קומען אדער גייען פון מאדאנא דעל ריפאזא און אין אלגעמיין די איינוואוינער פון טראסטיווערע און פון מאנטע ווערדע, מוזן גיין איבער קארסא וויטאריא. מיין חשבון איבער דעם מקום איז געווען גוט און פאקטיש באלד האט עס מיר אנגעהויבן צו גיין גאנץ גוט. ס׳איז געווען פרילינג: מיט די ערשטע ווארעמע טעג, גאנץ פרי האב איך מיר פארנומען מיין ארט ביים עק פון דער בריק מיטן וועגעלע פול, און אין אוונט פלעג איך מיר אהיימגיין ווען אויפן וועגעלע איז מיר נישט געבליבן אחוץ די פרייז־צעטלעך און די לייוונט־דעק. זונטאג, אבער, מיט אט דעם געניי פון מענטשן אויף שפאציר מחוץ די טויערן, ווען איך האב צוויי אזעלכע וועגעלעך, וואלטן זיי מיר נישט געסטייעט. מיט איין ווארט, דאס מסחר האט געבליט; און איך האב עס דערציילט דעם זיידן מיינעם. ער אבער, פארעקשנט אין זיינע געדאנקען, האט מיר געענטפערט: ״דערוויל קאן מען נאך גארנישט זאגן... האסט נישט קיין שום קאנקורענץ פארקויפסט ווי ס׳געפעלט דיר... ווארט נאר.״

ער האט געהאט רעכט. א געוויסן פרימארגן און אט קומט אן א וועגעלע גאנץ ענלעך צו מיינס און שטעלט זיך אוועק אויף דער מיט פון דער בריק. צוויי זענען עס געווען צו פארקויפן, צוויי ווייבער, א מאמע מיט איר טאכטער. איך וויל זיי באשרייבן, ווייל זיי זענען געווען די סיבה פון מיין בראך און כל־זמן כ׳וועל לעבן וועל איך עס גערענקען. די מאמע איז געווען א פויערטע פון דער אנאגני געגנט און זיך געקליידט ווי אלע פויערטעס מיט א לאנגער, שווארצער ספודניצע און א שאל. די האר זענען איר געווען גרא, פארדעקט מיט א פאטשילע, און דאס פנים, האט ארויסגעקוקט כיטרעדיק און פאלש, תמיד גערונצלט אין א גרימאסע פון באזארגט זיין. ווען זי פלעגט איינוויקלען א פעקעלע איילבירטן אדער אפגעוואויגן צוויי פאמעראנצן, פלעגט זי עטעמען און הייבן די ברעמען ווי צו מאכן דעם איינדרוק, אז זי גיט זיך ספעציעל די מי.; און צום ביישפיל, ווען איבערגעבנדיק די סחורה פלעגט זי קיינמאל נישט פארפעלן צוצוגעבן א פריינטלעך ווארט, ווי: ״עס איז איבער די וואג... נאר לאמיר עס רעכענען אלס די ריכטיקע וואג. זעט, כ׳האב אויסגעקליבן פאר אייך די צוויי שענסטע פאמעראנצן, יא?״ וואס שייך איר טאכטער, זי, פון דער אנדערער זייט, פלעגט גארנישט טון נאר שטיין דארטן, אזוי צו זאגן, פון שיינקייט וועגן. זי איז טאקע געווען א שיינהייט וואס איך האב באלד דערזעען, כ׳בין דאך א יונגער בחור און שיינע פרויען געפעלן מיר אויך. זי איז מסתמא אלט געווען אן ערך אכצן יאר, נאר אן איינדרוק האט זי געמאכט ווי זי וואלט אלט געווען דרייסיק, אזוי איז זי געווען אנטוויקלט, מאיעסטעטיש און גוט פארמירט. דאס פנים אירס איז געווען מילך־ווייס און כ׳ווייס נישט מיט עפעס אן אומארדנונג פון אומענטשיידנקייט, א געצירטקייט אויף אירע פליישלעכע, בלאסע ליפן און אין אירע גראע אויגן, תמיד טריבע און געקוועלטע. לייכט האבן זיך איר די נאזלעכער פארדרייען געקענט, ווי פון ווידערווילן; און בקיצור זי האט כסדר אויסגעזעען ווי זי האלט ביים חלשן, פונקט ווי זי וואלט געווען מעוברת. די מאמע פלעגט שווער ארבעטן און זיך באמיען ביים וועגעלע, אין שמאטעס און לעבהאפטיק, מיט די פיס אין צוויי גרויסע מאנערשע שיך, ענלעך צו די גרויסע, אלטע שפאצן, וואס שטייען נישט קיינמאל שטיל; דאס מיידל אבער איז געווען געק־

ליידט אין א קורץ ספודניצקעלע מיט אן ענג־געפאסטן סוועטער, און פלעגט זיך אזוי זיצן לאנגע שעהן אויף א בענקל, שטריקנדיק זאקן מיט לאנגע, אייזערנע שטריקנאדלען, וואס זי האט געהאלטן אונטער די ארעמס. איר נאמען איז געווען עווניטשע; און האט מיך דערמאנט אין א מין קרייטעכץ, וואס מען רופט עס דיל, מסתמא דורך דער ווייסקייט פון איר הויט, וואס איז גריילעך געווען די קאליר פון דיל ווען מען באגיסט עס מיט וואסער.

איך פערזענלעך בין הויך און דיק, מיט א לאנגער בארד און צעפלאשעטע האר. די מלבושים, וואס כ׳פלעג טראגן, זענען געווען איין לאטע אויף דער אנדערער. בקיצור, כ׳האב אויסגעזעען ווי א שלעפער אדער נאך ערגער. חוץ מזה, אויף וויפל איך האב מיך נישט באמיט מיך גובר צו זיין, מיינע מידות זענען גראב און גיך פאל איך אין כעס אריין. מיין קול, ווייטער, איז הייזעריק, כמעט דראענדיק. באלד איז עס מיר איינגעפאלן, אז מיין גאנץ הולך האט מיך געשטעלט אין א אומגינסטיקער לאגע בנוגע דער קאנקורענץ. אונזערע וועגעלעך האבן זיך כמעט אנגערירט איינס דאס אנדערע: פון זייט די מאמע, מיט איר קול ווי פון א שארף־שרייענדיקן אינזעקט, פלעגט כסדר אויסרופן: ״זעט נאר די פאמעראנצן... וואס פאר א פאמעראנצן... קויפט, קויפט מיינע פאמעראנצן״; פון דער אנדערער זייט שטיי איך ביי מיין וועגעלע, מיין מאנטל פארקנעפלט ביז צום האלז, מיין היטל איבער די אויגן, און האלט אין איין אפענטפערן, שרייענדיק: ״פאמעראנצן, זיסע פאמעראנצן, פאמעראנצן.״ דער עולם באדענקט זיך, קוקט צוערשט אויף מיר, דערנאך אויף דער מוטער, צום סוף בליקט מען אויף דער טאכטער און דערנאך, אויב דאס זענען מאנספארשוינען, האט מען זיך אנטשלאסן פאר די צוויי פרויען. די מאמע איז ממש געווען א רויב־גיריקע פארשוינטע, און בשעת אפוועגנדיק די סחורה מיט די געווינטלעכע עטעמונגען אירע און מיטן הויבן אירע ברעמען, פלעגט זי כסדר אכטונג געבן צו שרייען אין דער זעלביקער צייט: ״קויפט, קויפט,״ טאמער קומט עמיצער צו צו מיר. זי האט געוואוסט וואס און ווען, און אויב עפעס איז איר נישט אנגעקומען לייכט, פלעגט זי שנעל א געשריי טון צו דער טאכטער: ״שטיי אויף עווניטשע, באדין דעם הערר... גיך!״ עווניטשע פלעגט אוועקלייגן איר ארבעט, זיך אויפהייבנדיק אויף אירע צוויי אופנים מאיעסטעטיש, צומערשט מיט דער ברוסט און דערנאך מיט די היפטן און באדינט דעם קונה אן א בליק אויף אים, די אויגן אראפ. אזוי, אן א ווארט,אן א שמייכל, פלעגט זי זיך אומקערן צוריק און אנידערזעצן.

[שלוס אין קומענדיקן נומער]

מאיר באגדאנסקי:

## צום טויט פון משה רעגען

**געווען א מענטש א פשוטער; אזא וועלכן מען רופט מיטן נאמען ״עמך״. און דאך איז עס געווען א נישט געוויינלעכע פשוטקייט. ווען א מענטש האט אחוץ עול פרנסה אויך א באדערפעניש פאר א ביסל רוחניות, איז זיין פשטות שוין נישט קיין געוויינלעכע.**



משה רעגען האט ליב געהאט מוזיק און ליטעראטור אין יידישע ליטעראטור און מוזיק זיינען ביי אים געווען א הייליקייט.

אין זיינע יונגע יארן האט ער זיך באהאפטן מיט די וועלכע האבן געשטרעבט צו מאכן די וועלט א בעסער ארט צום לעבן פאר אלע מענטשן. דעמדאזיקן אידעאל איז ער געבליבן געטריי ביז זיין לעצטן אטעם־הויך.

צוויי פערזענלעכקייטן האבן אים שטענדיק באהויכט: יצחק לייבוש פערעץ און וולאדימיר מעדעם. דער ערשטער — אחוץ איינער פון די גרעסטע יידישע שרייבער — א בויער פון דער יידישער קולטור, האט פארקערפערט מיט זיך די שטרעבונג צורוחניות; דער אנדערע — א פירער פון ״בונד״ — האט פארקערפערט מיט זיך די שטרעבונג צו פרייהייט און ברידערלעכקייט. די דאזיקע צוויי דערגאנצן זיך איינער דעם אנדערן. זיי זיינען ווי מאן און ווייב אין דער משפחה; אן איינעם איז קיין משפחה נישט פאראן.

משה רעגען האט אבאנירט די יידישע פרעסע פון די פארשידנסטע טיילן אין דער וועלט, גארנישט זעלטן געקויפט א יידיש בוך און זיין האנט איז קיינמאל נישט געווען פארקלעמט ווען עס איז געקומען צו שטיצן א יידישע קולטור אונטערנעמונג.

ביי די שבת נאך מיטאגס פון דער געזעלשאפט ״פריינט פון יידיש לשון״ פלעגט ער זיך אונטערשיידן מיט זיין באזונדערער האלטונג. פלעגט מען זינגען אן אלט קאמפס־ליד פלעגט ער זיך אויפשטעלן ווי אין די אמאליקע צייטן אונטערן צארישן רעזשים.

זיין צוואה איז געווען ער זאל ווערן קרעמירט. אויף אזא אופן האט ער זיך געזעגנט פארייניקן מיט אלע די וועלכע זיינען אומגעקומען און די קרעמאטאריעס אין די דייטשע קאנצענטראציע־לאגערן.

אין דער גאלדערס גרין קרעמאטאריע האבן מער, זיינע פריינט גענומען אפשיד פון אים פרייטיק דעם 2טן אקטאבער 1981. כבוד זיין אנדענק.

דוד בערמאן:

## סאם גאלדבערגס מזל־טוב פראדאקשיאן — סיס גיט, מען זעהט זיך!

דאנערשטיג, דעם 29סטן אקטאבער, אין אבענט, איז פארגעקומען אין דער קאנוועי־האלל, לאנדאן, די פיינע פאלקס פארשטעלונג, סיס גיט, מען זעהט זיך! אין וועלכער עס האט זיך באטייליקט, אחוץ סאם גאלדבערג, טעאטער סטארס, און סטארס פון ראדיא. די אינטימע פאלקסטימליכע פארשטעלונג איז געווען א סוקצעס. דער עולם איז געקומען, טראץ די מוירעדיקע באמבעס אין די וועסט ענד פון לאנדאן.

צוזאמען מיט אונזער ליבן סאם גאלדבערג, זענען אויפגעטרעטען די סאפראנא זינגערין לידיא דאבילים, די פיינע זינגערין קאטילנא ווין־ראגעס, דער פיינעם אפערא טענאר דערעק ווילקס און דער וונדערבארער קאנטאר משה דובינער, דער באוואוסטער וויאליניסט און קינסטלער, יאני פראנקס.

עס האט זיך אויך באטייליקט דער פיינער פיאניסט, קאלווערט סטוארט,

און דער פיאניסט אלעקס קנאפ, האט באגלייט קאנטאר דובינער.

סאם גאלדבערג, דער סטאר פון דעם שאו, האט געזונגען לידער פון געבירטיק, א. יאאכימאוויטש, דוד בערמאן, און פאפולערע יידישע פאלק־לידער. ער איז א וואונדערבארער שוישפילער און פאלק־זינגער, פארשאפנדיק פרייד און פארגעניגן יידן אומעטום.

• • •

״לשון און לעבן״ האט באקומען א בריוו פון קלייד סינקלאר, אז ער האט געענדיקט זיין בוך וועגן י.י. זינגער און די ווירגא־פרעסע דריקט דאס ״דבורה״ פון אסתר קרייטמאן און ער שרייבט דעם אריינפיר צום בוך.

## א ליטעראריש מסיבה אין דר. יעקב מייטליס׳ס שטוב

זונטאג, דעם 20טן סעפטעמבער נאכמיטאג, איז זיך צונויפגעקומען א שיינער, געקליבענער עולם נאענטע פריינד אין הויז פון דר. יעקב מייטליס צו טרינקן א לחיים און באערן דעם מחבר מיט קורצע, תוכיקע אפשאץ־ווערטער לכבוד זיין לעצטנס דערשיינטן בוך ״פון וויטן אמאל ביזן היינט״. עס איז א ביז גאר שיין ארויסגעגעבן בוך, וואגיק אין זיין תוכן און לשון, וואס האט גע־מאכט א רושם. דר. ש. לעווענבערג, וואס האט געפירט דעם פארזיץ האט מיט גרויס חברישער ווארעמקייט גערעדט וועגן דעם פיינעם שרייבער יעקב מייטליס און די אויפגעווארפענע יידישלעך־אנגעווייטאגטע פראבלעמען אין זיינע ארומנעמיקע שריפטן. לעווענבערג האט בעיקר דערמאנט זיין נאענט־שאפט צו דעם מחבר און זיין איבערגעגעבענער ארבעט פארן לאנדאנער ״ייווא״ אין די יארן פאר דער לעצטער מלחמה, און ארויסגעהויבן דאס גוט־פארטראכטע קאפיטל פון יידישער קולטור־געשיכטע אין לאנדאן אין יענע יארן, וואס יעקב מייטליס האט פארעפנטלעכט אין די שריפטן־ריי פונעם צענ־טער פאר קולטור־ און פאלקלאר־פארשונג פון פראפ׳ דב נוי אינעם ירושלימער אוניווערסיטעט.

וועגן די שרייבערישע מעלות און אויסגעצייכנטע יידיש־פארשונגען פון מייטליסן, דעם בן־תורה און בר־הכי, האבן אויך גערעדט דער שיינער ייד און פיינער שרייבער יוסף לעפטוויטש, זלמן ס. לעווין, איינער פון די חשובים אין ענגליש־יידישן לעבן, דער דיכטער א.נ. שטענצל, דער עסייאיסט חיים מאקאבי און אחרון, אחרון חביב ל. באר. זיי אלע האבן מיט גרויס ערנצטקייט באטאנט די חשיבות פון יידיש און זיין גרויסע קולטור־ירושה.

א פיינעם כיבוד האבן נאך דערלאנגט די דאמען יהודית מייטליס, חיה נתני און הילארי לעווין, און געהאלפן אריינטראגן א ביסל יומטובדיקייט אין דער שמחה. צום סוף האט נאך דער בעל־שמחה אליין פארענדיקט די געלונ־גענע מסיבה מיט א סך דאנקשאפט די געסט פאר זייערע ווארעמע רייד, און דערמאנט דעם עולם פריינד די וויכטיקייט פון דער יידישער קולטור, אירע שרייבערס און שאפונגען. וואס מיר אלע מוזן אויפהאלטן און ממשיך זיין, אז זיי זאלן האבן א קיום. וועט דאס זיין דער כבוד פון דער היינטיקער, צניעותדיקער ליטעררישער מסיבה.